# וויכטיגע טוישונגען צו New York Medicaid, Child Health Plus און די Essential Plan

האט איר אדער א פאמיליע מיטגליד יעצט העלט אינשורענס דורך New York State Medicaid, Child Health Plus אדער די Essential Plan? אנגעהויבן אין פרילינג פון 2023, New York State וועלן פארזעצן בארעכטיגונג איבערזיכטן און באנייאונגען פאר מענטשן איינגעשריבן אין די פראגראמען. דאס מיינט אז איר וועט מעגליך דארפן נעמען שריט צו באנייען אייער העלט אינשורענס אדער די אינשורענס פון אייער פאמיליע מיטגלידער.

פאלגנד זענען עטליכע זאכן וואס איר קענט טון יעצט צו ווערן גרייט.

### 1) שרייבט זיך איין פאר טעקסט אלערטס

שרייבט זיך איין צו באקומען SMS/MMS טעקסט אלערטס פון NY State of Health כדי איר זאלט נישט פארפאסן וויכטיגע העלט אינשורענס אפדעיטס, אריינגערעכנט ווען עס איז צייט צו באנייען אייער דעקונג.

זיך איינצושרייבן, טעקסט START צו 1-866-988-0327.

### 2) מאכט זיכער אייער אדרעס איז אפ-טו-דעיט

מאכט זיכער אז NY State of Health האט אייער יעצטיגע פאסט אדרעס, טעלעפאן נומער און אימעיל אדרעס אז זיי זאלן זיך קענען פארבינדן מיט אייך איבער אייער העלט אינשורענס. צו אפדעיט'ן אייער אינפארמאציע:

- רופט NY State of Health אויף 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220)
- לאגט אריין אין אייער אקאונט אויף nystateofhealth.ny.gov, אדער
- פארבינדט זיך מיט אן איינשרייבונג געהילף

אויב איר זענט איינגעשריבן אין Medicaid דורך אפיס אדער ניו יארק סיטי׳ס יומען Medicaid אייער קאונטי׳ס ריסאורסעס אדמיניסטראציע, פארבינדט זיך מיט יענע אפיס צו אפדעיט'ן אייער אדרעס און קאנטאקט אינפארמאציע.

### 3) נעמט שריט

ווען עס איז צייט צו באנייען אייער העלט אינשורענס, וועט איר באקומען א בריוו פון NY State of Health אדער א באנייאונג פעקל אויב איר זענט איינגעשריבן דורך אייער קאונטי'ס לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס אדער די ניו יארק סיטי יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע. די בריוו/פעקל וועט אייך לאזן וויסן וואס איר דארפט טון צו באנייען אייער דעקונג און וויפיל צייט איר האט צו ענטפערן. פאלגט אויס די אנווייזונגען זאפארט.

### וואס איז אויב איר זענט נישט בארעכטיגט פאר Medicaid, Child Health Plus אדער די Essential Plan?

אויב איר אדער אייער פאמיליע מיטגליד איז מער נישט בארעכטיגט פאר Medicaid, Child Health Plus אדער די Essential Plan, וועט איר מעגליך זיין בארעכטיגט זיך איינצושרייבן אין א Qualified Health Plan (QHP) דורך NY State of Health. NY State of Health שטעלט צו א ברייטע אויסוואל פון QHP'ס מיט פילע בענעפיטן. מער מענטשן ווי אמאל זענען בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף צו צאלן פאר זייער פרימיומס. באזוכט nystateofhealth.ny.gov אדער רופט (TTY: 1-800-662-1220) 1-855-355-5777 צו לערנען מער און זען אויב איר קענט זיין בארעכטיגט פאר פינאנציעלע הילף.

**באקומט מער אינפארמאציע**

- אויב איר זענט איינגעשריבן אין Medicaid, Child Health Plus אדער די Essential Plan דורך NY State of Health, רופט (TTY: 1-800-662-1220) 1-855-355-5777 מיט סיי וועלכע פראגעס וואס איר האט.
- אויב איר זענט איינגעשריבן אין Medicaid דורך אייער קאונטי'ס Medicaid אפיס אדער דורך ניו יארק סיטי'ס יומען רעסורסעס אדמיניסטראציע, פארבינדט זיך מיט יענע אפיס מיט סיי וועלכע פראגעס וואס איר האט.
- באזוכט https://info.nystateofhealth.ny.gov/COVID-19-Changes צו לערנען מער. ניו יארק וועט ווייטער אפדעיט'ן די וועב בלאט ווען מער אינפארמאציע ווערט אוועילעבל.